בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



עקב

י"ח אב תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:58 |
| מוצש"ק | 8:12 |
| ר"ת | 8:50 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:30 | סוז"ת א' | 9:55 |
| סוזק"ש ב' | 9:18 | סוז"ת ב' | 10:27 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': מ"ב


## טיב הפרשה

# די שליסל צו פרנסה בשפע

## תפילה מתוך כוונה און מיט הארץ

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר די פסוקים פון והיה אם שמוע וואס מיר זאגן טאג טעגליך ביי קריאת שמע. אין די פרשה רעדט די תוה"ק צו א איד מיט א קלארקייט און מיט אן אפענקייט. די תורה הק' זאגט פאר א איד אז אויב דו וועסט מקיים זיין די תורה, אויב דו וועסט דינען הקב"ה מיט דיין גאנצע הארץ, וועסטו זוכה זיין אז דו וועסט האבן וואס דו דארפסט אויף די וועלט, דו וועסט האבן רעגן, די רעגן וועט קומען אין צייט, וועסט האבן גראז פאר דיינע בהמות, יעדער געברויך וואס דו דארפסט נאר האבן אויף די וועלט וועסטו האבן.

אין די פרשה ווערט אויך אויסגעשמועסט די פארקערטע. אויב דו וועסט נישט דינען הקב"ה ווי עס דארף צו זיין וועסטו דערלייגן די וועלט און פארלירן דיין לאנד, עס וועט נישט זיין קיין רעגן, די ערד וועט נישט ארויסגעבן קיין פלאנצונגען.

די פרשה פון והיה אם שמוע איז די פרשה פון עול המצוות אבער אן עקסטערע דגוש ווערט געלייגט אויף דער 'ולעבדו בכל לבבכם', און חז"ל זאגן אז איזהו עבודה שבלב זו תפילה.

ווען מען קוקט זיך אים אויף די היינטיגע וועלט און מען זעט די מאס דרוק אין וואס מען לעבט, ווי אזוי סיי די ארעמע און סיי די רייכע זענען אזוי פאריאגט פאר פרנסה, די ארעמע מוטשענען זיך צו האבן אויף די מינימאלע געברויכן, די רייכע לעבן אין פחד אז מארגן גייען זיי פארלירן זייער פארמעגן און בלייבן מיט גרויסע פיינפולע חובות וואס וועט צורויבן זייער מנוחה, קען זיין אז דא אין די ווערטער ליגט דער לעזונג צו די שרעק.

אינדערצייט ווען מיר אלע זוכן סגולות וואס זאל אונז ארויסנעמען פון די פלאנטער און געבן רייכקייט און פארזיכערונג אז די געלט וועט נישט פארלוירן גיין, האבן מיר דא פאר אונזערע אויגן די שטערקסטע און די פארזיכערסטע סגולה אין די בריאה, אז מעל זאל מקיים זיין די עבודה שבלב מיטן גאנצן הארץ, אז די תפילה זאל זיין ווי עס באדארף צו זיין, ווייל דורך א גוטע און א ריינע תפלה איז מען ממשיך אלע ישועות, ווייל די שפע פון א איד באהאלט זיך אין די תפילה, ווי מען זעט דא אין פסוק.

ווען מען איז זיך מתבונן אין וואס עס שטייט דא אין פסוק קען רואיג זיין אז דער מקור צו די שווערקייט אין פרנסה פון דעם היינטיגן דור באהאלט זיך דא. ווען עס רעדט זיך פון דער היינטיגער עמוד התפלה איז קלאר אז די היינטיגע תפילות דארפן א שטארקן תיקון.

עס דארף א תיקון סיי ביי די שוואכע אידן און אויך ביי די וואילע אידן, אריינגערעכענט אויך די וואס האבן


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

### - ♦ וְהָיָה עֵקֶב... ♦ -

מען האלט שוין טיף אינמיטן די זומער. די אפרו-טעג זענען שוין דא. און אויך ווער עס האט נישט יעצט קיין "ביז הזמנים", איז אבער דער אלגעמיינער אטמאספער אין גאס, צום באדויערן, א מצב פון וואקאציע (כאטש לכתחילה איז אוודאי בעסער אנצונעמען דעם וועג פון "אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ", אבער מיר רעדן פון איינעם וואס האט שוין יא אויסגעוועלט דעם וועג פון ארויסגיין, און ער האט שוין באשלאסן אזוי צו טון).

רש"י הקדוש הייבט אן אונזער פרשה, מיט די ווערטער "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן – אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן", דאס מיינט אז די 'געווענליכע' מצוות וואס מיר זענען צוגעוואוינט צו טון יעדן טאג, האבן א ספעציעלע חשיבות, און זייער חשיבות איז דווקא דערפאר וואס אסאך מענטשן 'צוטרעטן' זיי מיט די פיס און זענען נישט מקפיד אויף דעם.

אין אט די וואקאציע טעג, ווערן פארשידענע מצוות נאכגעלאזט דורך טייל מענטשן, דעריבער איז יעצט טאקע די בעסטע צייט איינצוזוארצלען ביי זיך און ביי אונזערע קינדער, די יסודות מיט וועלכע מיר ווילן זיי ערציען, און וואס מיר ווילן אז זיי זאלן געדענקען זייער גאנצן לעבן.

צום ערשט, איידער מען לאזט זיך ארויס אין וועג, דארף מען וויסן אז "סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחְשָׁבָה תְּחִלָּה", דארף מען גוט נאכפארשן און זיין זיכער אז די פלאץ צו וואו מיר ווילן גיין, איז אן ארט וואס איז פאסיג פאר אידן וואס זענען שומרי תורה ומצוות, סיי אלס די כשרות המאכלים און סיי אלס די צניעות, אזוי אויך צי איז דארט דא מִנְיָנִים צום דאווענען, און אויך נישט פארגעסן אז דווקא ווען מען פארט אויף די וועגן האבן מיר די מצוה פון "וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ", און ווי פארשטענדליך טאר נישט אריבערגיין קיין טאג אן צו לערנען תורה.

מורנו הרב שליט"א האט דערציילט, אז אין זיין יוגנט איז ער אמאל געפארן מיט זיין טאטן זצ"ל, להבדיל בין חיים לחיים, פאר א וויכטיגע סיבה קיין חיפה, און ווען מען האט געזוכט א מנין צו דאווענען מעריב, האבן זיי אויסגעפינען אז אין אזא שעה קען מען נישט געפינען קיין מנין אין גאנץ חיפה, האט זיין טאטע זצ"ל נישט קיין סאך געטראכט, נאר גלייך גענומען א טעקסי קיין נתניה, כדי צו דאווענען דארט מעריב בציבור און נישט פארפעלן קיין תפילה בציבור!

מען קען זיך אליין פאָרשטעלן, אז נאך אזא מעשה, איז דער ענין פון תפילה בציבור שטארק איינגעווארצלט געווארן ביי זיינע קינדער, ווייל ווען א קינד זעט אז זיין טאטע איז גרייט מיט מסירות נפש כדי נישט צו פארפאסן תפילה בציבור, גייט עס אים אריין אין הארץ אסאך מער ווי אלע שמועסן און שיעורים וואס ער וועט נאר הערן, און מער ווי אלע ספרים וואס ער וועט לערנען איבער דעם ענין.

אויב וועלן מיר זיך אזוי פירן, איז זיכער אז מיר וועלן קענען ארויסנעמען א געוואלדיגע תועלת פון אט די טעג, און נישט נאר וועלן מיר נישט פארלירן פון אונזער רוחניות און די רוחניות פון אונזערע קינדער, נאר מיר וועלן אפילו בויען און דערהייבן זייער חינוך און אונזער אייגענער חינוך.

(עפ"י שיחותיו של מורנו הרב שליט"א)


זמנים אויף קבלת קהל און שיחות 0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זוכה געווען און זיי זיצן על התורה ועל העבודה.

ווען מען קוקט זיך היינט אום אין שול און מען זעט ווי אזוי אידן דאווענען דערקענט זיך ליידער ביי אסאך פון אונז אז דער דאווענען איז ווי א געצווינגענער זאך. מען דאווענט אבי יוצא צו זיין, אן הארץ, אן נשמה און ווען מען קען לויפט מען אוועק.

עס געשעט ליידער היבש אפט אז ווען מען האלט ביי עלינו לשבח איז שוין נישט דא קיין מנין אויף קדיש ווייל יעדער איז שוין אנטלאפן פון שול, ווייל מען יאגט זיך.

עס איז ידוע בשם דער אריה"ק אז די שפע פון די וועלט קומט אראפ ביים דאווענען. די שפע גייט אריבער א לאנגער וועג. עס הייבט זיך אן אין די אויבערשטע וועלטן און עס קומט אראפ אונטן. עס גייט דורך אסאך שטאפלען, און די סאמע לעצטע שטאפל, די רגע ווען עס קומט אן צו אונז, ווערט ווען מיר זאגן עלינו לשבח.

דער אריה"ק געבט צו פארשטיין די גדאנק, זאגנדיג אז די קליפות זוכן אויך צו באקומען די שפע פון די וועלט. אויך זיי זאגן פאר הקב"ה אז עס קומט זיך פאר זיי די שפע ווייל אויך זיי זענען ברואים פון הקב"ה.

זייער געבעט איז מרומז אין די ווערטער 'הכפירים שואגים לטרף ולבקש מקל אכלם'. די קליפות לאקערן נאך די שפע און ווילן עס פארכאפן און ווענן דעם האט מען מייסד געווען די תפילה פון עלינו לשבח, ווייל ווען א איד זאגט עלינו לשבח לאדון הכל, ער איז ממליך דעם בורא כל העולמים אויף זיך, באפאלט די קליפות אזא שרעק אז זיי לויפן אוועק און דער איד איז זוכה צו די ריינע שפע.

אבער אויב דער איד זאגט נישט די עלינו לשבח קען עס קומען דערצו אז זיין גאנצער שפע זאל פארפאלן ווערן חלילה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די גרויסקייט פון עלינו לשבח דארף ארויספאלן א ציטער אויף א איד. עס קען זיין אז דאס וואס ער אנטלויפט פון שול ביי עלינו ווייזט אז זיין נשמה איז ליידער פארכאפט אין די קליפה רח"ל.

אין שלחן ערוך אורח חיים [סימן קלב] שרייבט דער רמ"א אז מען זאל נזהר זיין צו זאגן עלינו לשבח מיט כוונה. דער משנה ברורה אויפן ארט ברענגט אראפ בשם דער מטה משה מורא'דיגע ווערטער בנוגע די חשיבות פון עלינו לשבח, אז ווען א איד זאגט עס קומען צוגיין אלע צבא השמים און הקב"ה מיט זיין פמליא של מעלה און ווען זיי זעען ווי די אידן זאגן דעם שבח פון עלינו רופן זיי אויס אשרי העם שככה לו.

מיר ווייסן אויך די גרויסקייט פון א איד, וואס ער איז פון די עשרה ראשונים אין שול און אויך פון די עשרה אחרונים. חז"ל זאגן אונז אז די סארט אידן זענען זוכה אז זיי זענען נוטל שכר קעגן יעדן איינעם. אז א איד פירט זיך אזוי איז א סימן אז די תפילה ביי אים איז נישט כמשא נאר פארקערט, אז עס איז ביי אים טייער, אז ער קען זיך נישט שיידן פון דעם און ווי ר' יוחנן זאגט אין די גמרא ולוואי שיתפלל אדם כל היום כולו.

עס איז אויך גוט פאר א איד אז ער זאל זיך קובע זיין זמנים ווען ער איז עוסק בתפילה, אז ער זאל פארשטיין און ארויסהאבן וואס ער זאגט ביים דאווענען, ווי אזוי זיין עבודה גייט פארן מלך מלכי המלכים.

אזוי אויך זאל דער איד זיך משתדל זיין און דאווענען אינעווייניג פון סידור, ווייל אז מען דאווענט פון סידור איז ער מער פארזיכערט אז ער פארפעלט נישט קיין ווערטער, עס איז אויך דא די סגולה אז ער ווערט דורכדעם זוכה זיין פטור צו ווערן פון אלע שלעכטע מחשבות ווי עס איז מרומז אין די מגילה 'עם הספר ישוב מחשבתו הרעה'.

איך האב געקענט אידן וואס האבן געהאט איינגעווארצעלטע טעותים ביי זייער דאווענען און עס איז זיי געקומען ווייל זיי האבן גדאווענט פון אויסווייניג, די אידן האבן עס נישט געקענט אויסוואָרצלען, ווייל זיי האבן זיך נישט געקענט שפעטער צוגעוואוינען צו דאווענען פון סידור.

די אלע זאכן זענען אויס ווי קליינינקייטן אבער מיר האבן שוין א הבטחה פון די תורה הק' אנהייב די פרשה 'והיה עקב תשמעון' אז די סגולה פון זיך פארבעסערן אין קליינינקייטן האט א גרויסן כח, ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק דער 'ושמר השם אלקיך לך את הברית ואת החסד'.

ווען מיר וועלן זיך מחזק זיין אין די עבודת התפלה וועלן מיר זוכה זיין צו ברכה והצלחה אין אלע אונזערע מעשים און מיר וועלן האבן שפע רב אז מען וועט נישט דארפן אנקומען צו אנדערע, נאר האבן גענוג און זוכה זיין מגדל צו זיין דורות נאמנים להשם ולתורתו.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א וואקאציע אין מאה שערים

די איבערלעבענישן פון חתונה מאכן קומט צומאל מיט געמישטע געפילן. פון איין זייט שטייט די גרויסע שמחה אז מען האט זוכה געווען סוף כל סוף צו שיקן א קינד אונטער די חופה, אז עס שפינט זיך א פרישער דור, אבער צומאל קענען דעם קומט צוגיין די פינאנציאלע לאסט וועלכע דרוקט אויפן מענטש און צווינגט אריין דעם מענטש צו זוכן פרישע הכנסות.

אויך ביי אונז אין שטוב ווען מען איז אנגעקומען צו דעם פרק און געזוכט מיט ליכט א פרישע הכנסה איז ארויפגעברענגט געווארן אויפן טיש די מעגליכקייט אז דער ראש המשפחה זאל דארפן איינפאקן זיינע פעקלעך און ארויספארן קיין אויסלאנד און בעטן ביי גוטע אידן אז זיי זאלן אים ארויסהעלפן צוקענען פירן דאס קינד אונטער די חופה מתוך הרחבה.

ווען די קינדער אין שטוב האבן געהערט דערוועגן איז זיי געווארן ביטער אויפן הארץ. עס הייסט אז דער ליבליכער טאטע וועט דארפן איבערלאזן די שטוב אויף עטליכע וואכן. אויך די מאמע איז געווארן זייער פאר'צער'ט פון דעם און זי האט זיך געשטעלט דאווענען פארן באשעפער אז מען זאל זיך קענען אן עצה געבן אן וואס דער מאן זאל דארפן ארויספארן קיין אויסלאנד.

א טאג נאך דעם וואס די נושא איז ארויפגעברענגט געווארן אויפן טיש איז מיין קליינער בחור צוגעקומען צו מיר מיט אַן אינטערעסאנטער גדאנק.

"מאמי, איך האב אן עצה ווי אזוי טאטי זאל נישט דארפן ארויספארן קיין אויסלאנד".

וואספארא עצה קען דען א קינד האבן? האבן מיר זיך געוואונדערט צו זיך אליין.

"עס איז דאך זומער. אידן קומען אהער אויף וואקאציע, אפשר זאלן מיר פארדינגען אונזער דירה פאר אנדערע אידן, אויף די וואכן וועלן מיר זיך צוזאמענשטופן ביי אונזערע פעטערס און מומעס אדער ביי די זיידע און די באבע און עס וועט ארייקומען א שיינע סומע פאר די הוצאות החתונה".

דער גדאנק איז נישט געווען אזא שלעכטער, אבער עס האט זיך געזאגט לייכטער ווי עס האט זיך געטון און מיר האבן געהאט פולע שאלות דערוועגן. מיר האבן געוואלט וויסן ווער וועט בכלל וועלן דינגען אונזער דירה, וויפיל וועט ער צאלן און צי די געשעפט וועט זיך אויסארבעטן.

"ווער זוכט א דירה אין די מאה שערים געגענט"? האבן מיר אפגעווארפן די קינדער.

אבער די קינדער האבן נישט נאכגעלאזט.

"מיר וועלן הענגען צעטלעך אין די גאסן און לאמיר זען ווי אזוי עס גייט זיך אויסקאכן". האבן זיי געענטפערט און געטון הלכה למעשה. זיי האבן געהאנגען צעטלעך אין די גאסן און די תשובה האט נישט געשפעטיגט צוקומען, א רייכע משפחה האט זיך אנגעטראגן אז זיי ווילן די דירה.

די משפחה האט אונז געגעבן צו פארשטיין אז היי־יאר האבן זיי באשלאסן אז זיי גייען קומען מיט די קינדער אויף וואקאציע קיין מאה שערים.

ווען מיר האבן זיך אומגעקערט צו אונזער דירה, האט אונז אפגעווארט אן איבערראשונג. אויסער די שיינע אפצאל וואס זיי האבן געגעבן האבן זיי געקויפט פאר אונז א נייער גאז, א נייער וואש־מאשין און אונז אויך געזאגט אז די איבערלעבעניש איז געווען אזוי גוט, אז זיי באשטעלן זיך שוין צוקומען אהער נעקסטער יאר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט בעסער ווי געראכטן, און מיר האבן דא קלאר געזען דער יד השם ווי אזוי הקב"ה האט געזען די שוועריגקייט, די תפילות וואס מיר האבן געדאווענט און אונז צוגעפידערט אזא זאך.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה ה.צ.ב.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספּואלס
אין פקס: 15326517922

דער מוסר וואס מען לערנט ארויס פון אט די פסוקים, דער טעם פונעם שווערן וועג וואס דער אויבערשטער האט אונז געפירט, און דער תכלית פון אלע פייניגונגען און יסורים. – דאס קומט אוועקצושטעלן מיט שטארקייט דער יסוד האמונה אינעם אויבערשטן! דאס ווייזט אונז אז 'לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר' (קהלת ט, יא), און נאר עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם. און נאר נאכן דאס לערנען, און שטיין פעסט אין אלע שוועריגקייטן און נסיונות, קען מען זוכה זיין אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה, ווען דער אויבערשטער ברענגט דיר אֶל אֶרֶץ טוֹבָה, און דארט וועסטו זוכה זיין צו בענטשן דעם אויבערשטן עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ.

די וועגן פונעם אויבערשטן זענען באהאלטן, און קיינער ווייסט נישט פון וואו די ברכה וועט אנהייבן פליסן... – אמאל ארבעט א מענטש זייער שווער, ער פלאגט זיך און מוטשעט זיך פון איין זייט, און פלוצלונג שיקט אים דער אויבערשטער זיין ישועה פון גאר אן אנדער ארט, אזוי אומגעראכטן...

ווייל נאר עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם!

אזוי ווי מיר וועלן זען פונעם פאלגנדן מעשה, וועלכע איך האב געהערט פון א באגלייבטן מענטש!

->•<-

א חשוב'ער איד פון ירושלים עיר הקודש תבנה ותכונן, וועמענ'ס זון איז אין א מזל'דיגע שעה א חתן געווארן, אבער וויבאלד ער האט נישט געהאט פון וואו צו נעמען די גרויסע הוצאות, האט ער זיך געמוזט ארויסלאזן צו די ווייטע ענגלאנד. דארט האט ער פארברענגט עטליכע וואכן אינעם הויפטשטאט, לאנדאן, מיטן שווערן פאך פון 'פשיטת יד'... גייענדיג פון איין אדרעס צום אנדערן. צו זיין ווייטאג האט ער נישט געזען קיין הצלחה אין זיין מיה, ווי עס זעט אויס זענען געווען אסאך מענטשן וואס זענען געקומען בעטן צדקה, און מען האט געגעבן ווייניגער... אזוי אז נאכן באזוכן אלע אדרעסן וואס ער האט געהאט, איז אים אויך נישט געלונגען צו באקומען מער ווי א קליין סומע געלט.

ווען דער איד האט געמאכט א חשבון פון זיינע הוצאות און הכנסות, נאכן אראפגעבן א שיינעם פראצענט פארן "דרייווער" וואס האט אים ארומגעפירט... און די סומע וואס ער האט גערארפט צאלן פארן קארטל צו פארן אהין, און די אנדערע הוצאות פונעם וועג, איז ער געבליבן מיט בלויז טויזנט פינף הונדערט דאלער (1,500$)! ער האט זיך געפילט אזוי צובראכן, זעענדיג ווי זיין גאנצע נסיעה און שווערע פלאג, מיט די גלות און די בזיונות, האט גארנישט אויפגעטון!

אזוי האט זיך דער חשוב'ער איד ארומגעדרייט אין די גאסן פון די פרעמדע שטאט, ווען פון איין זייט איז זיין הארץ צובראכן אויף פיצלעך, אבער פון די אנדערע זייט שטארקט ער זיך מיט געוואלדיגע אמונה און בטחון אינעם גרויסן באשעפער! דו זעסט דאך – האט ער געזאגט צו זיך, איינמאל און נאכאמאל – אז 'לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם', און אויב דער אויבערשטער וויל נישט, קען מען פארן צו

# עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם

"וְזָכַרְתָּ אֶת כָּל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הוֹלִיכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ כו', לְמַעַן עַנֹּתְךָ לְנַסֹּתְךָ וגו'. וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ כו' לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם, כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם. שִׂמְלָתְךָ לֹא בָלְתָה מֵעָלֶיךָ וְרַגְלְךָ לֹא בָצֵקָה וגו'. כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מְבִיאֲךָ אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וגו'. וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ" (ח, ב-י).

די מרחקים, און זוכן געלט פאר וואכן לאנג, און בלייבן מיט א ליידיגע טאש!

ער האט זיך זייער שטארק פראבירט צו שטארקן מיט האפענונג און בטחון, און חלילה נישט אריינפאלן אין יאוש און מרה שחורה. ווייל מדה טובה איז דאך פינף הונדערט מאל מער ווי מדת פורענות (תוספתא סוטה ד, א), און אויב וועט דער אויבערשטער וועלן, קען ער אים דאך צושטעלן אלעס וואס ער דארף, אין א רגע!

אזוי גייענדיג איז ער אריינגעגאנגען אין איינע פון די צענטראלע שולן אין לאנדאן, וואו גאר אסאך אידן קומען דאווענען מנחה־מעריב, און דארט קומען זיך צוזאם פילע משולחים... צווישן איין נתינה און די אנדערע, האט ער זיך באגעגנט מיט זיינער א באקאנטער פונעם הייליגן לאנד, וועלכער איז אויך ארויסגעפארן צוליב דעם זעלבן צוועק, און ער האט זיך אויך געדרייט אין די שולן ארום און ארום...

א נאטורליכע שמועס האט זיך אנגעהויבן צווישן זיי... און אזוי רעדנדיג, האט ער אים דערציילט, אז וויבאלד ער זעט אז עס גייט אים אזוי שווער צו מאכן געלט דא, טראכט ער צו פארן נאך ווייטער קיין 'אויסטראליע' וועלכע געפינט זיך אין די אנדערע עק וועלט... דארט זענען נישטא אזויפיל משולחים... ער וויל פראבירן, און האפנטליך וועט אים דארט שיינען די הצלחה. דערביי האט ער אים פארגעשלאגן אז ער זאל מיטפארן מיט אים אהין, ווייל טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד...

דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו טון, וויבאלד ער איז שוין געווען גאנץ ענטוישט פון די ארבעט... ער האט אהיימגעקלינגען קיין ארץ ישראל, זיך דורכצורעדן מיט זיין בני־בית דערוועגן, אבער זי האט אים געשטארקט אז ער זאל יא פארן, ווייל מיט טויזנט פינף הונדערט דאלער קען מען דאך סיי־ווי גארנישט טון... עס איז דאך אפילו נישט

קיין אנהייב פון די פילע הוצאות החתונה, אן צו רעדן פון א וואוינונג און פון מעבל. פאר קיין אויסטראליע, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועסטו מצליח זיין!

נאכפרעגנדיג זיך וויפיל עס קאסט צו פארן פון לאנדאן־ענגלאנד קיין מעלבארן־אויסטראליע, און פון דארט צוריק קיין לוד־ארץ ישראל, האט ער אויסגעפינען אז דאס קאסט פונקטליך ווי דער סומע וואס ער האט ביי זיך – טויזנט פינף הונדערט דאלער! ער האט דאס אנגענומען ווי א סימן פון הימל, און איז גלייך צוגעגאנגען צום אויסטראלישן קאנסול אין לאנדאן, און שנעל מסדר געווען אן אויסטראלישן וויזע, און גלייך ווען ער האט באקומען די פאסיגע דאקומענטן, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום לופט־פעלד, ארויסצופארן אויפן לאנגן רייזע.

ווען ער איז אנגעקומען צום לופט־פעלד אין לאנדאן, האט ער געמוזט דורכגיין פילע אונטערזוכונגען, וויבאלד דאס איז געווען נאך די טעראר־אטאקע אויף די צווילינג געביידעס אין אמעריקע. מען האט דורכגעקוקט אלע פעקלעך, און באטאפט אלע קליידער, און אויב דאס אלעס איז נישט געווען גענוג, האט מען אויך באקוקט די "שיך"! – נאכדעם וואס א פארשוין האט באהאלטן א שעדליכן שטויב אין זיינע שיך, האבן די לופט־פעלדער אנגעהויבן איינפירן אז אלע רייזנדע דארפן אויסטון זייערע שיך, וועלכע זענען שטרענג באקוקט געווארן!

זעלבסטפארשטענדליך, אז מיטן גרויסן פרעשור פונעם פארן, ווען יעדער יאגט זיך, איז געווארן דערפון ממש א גאנצער באלאגאן. יעדער יאגט זיך און לויפט, מען טוט אויס די שיך, מען ווערט באקוקט, מען טוט צוריק אן די שיך, און מען לויפט ווייטער...

אינמיטן דעם גאנצן דרוקעניש ביים איבערקוקן די שיך, איז פאר אונזער באקאנטער, פארלוירן געווארן איינע פון זיינע שיך, ער האט עס געזוכט און געזוכט, אבער עס איז פארשוואונדן געווארן... און דערווייל גייט זיך דער זייגער זיין גאנג, און דער עראפלאן דארף זיך שוין באלד ארויסלאזן אין וועג...

די זיכערהייט מאנשאפט האבן זיך געפילט זייער אומבאקוועם, און האבן זיך ענטשולדיגט פאר אים איינמאל און נאכאמאל, זוכנדיג די פארלוירענע שוך, אבער אן ערפאלג. ווען זיי האבן געזען אז זיי טרעפן נישט די שוך, האבן זיי אים געהייסן ארויפגיין אזוי אויפן פליגער, זאגנדיג אז מען קען נישט אויפהאלטן א גאנצער פליגער וועגן איין שוך... – זיי האבן אים גלייך אריינגערוקט צוויי הונדערט דאלער (200$) אין האנט, זאגנדיג אז ווען ער וועט אנקומען קיין אויסטראליע זאל ער זיך דארט קויפן א נייע פאר שיך, און האבן זיך דערביי ווידעראמאל ענטשולדיגט...

און אזוי, מיט איין שוך אויף איין פוס, און די אנדערע פוס אן א שוך, איז דער מענטש שנעל צוגעשפרינגען ביז צום פליגער, כדי ער זאל עס נישט פארשפעטיגן... און זיך שנעל געזעצט אויף זיין ארט, אינגאנצן צובראכן! ווען ער האט אריינגעטראכט אין זיין מצב האט ער זיך

המשך אין עמוד ד' <

קוים געקענט איינהאלטן פון וויינען! דא האט ער פארברענגט עטליכע וואכן אין ענגלאנד, צו פארדינען טויזנט פינף הונדערט דאלער, וואס ער האט שוין אלעס אויסגעגעבן פארן קארטל קיין אויסטראליע, און ער ווייסט אפילו נישט אויב וועט אים דארטן גיין בעסער, ווייל מיט וואס איז דען אויסטראליע בעסער ווי ענגלאנד? – און דא האט מען אים אזוי דערנידערט אין פארנט פון יעדן איינעם, נאכן פארלירן זיין שוך... און אזוי דארף ער צושפרינגען צום עראפלאן מיט איין שוך... וואספארא פנים האב איך... – אזוי האט זיך דער איד פארזינקען אין טרויעריגע געדאנקען.

אזוי ווי ער זיצט פארזינקען אין זיינע געדאנקען, איז פלוצלונג צוגעקומען צו אים א היכער פעסטגעבויטער אויסטראלישער איד, וועלכער האט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי א 'ריז'... מיט א הארציגן שמייכל אויף זיינע ליפן, האט ער געזאגט צו אים: הער צו! דו ביסט א איד א צדיק... איך אויף דיין פלאץ, וואלט איך זיי נישט אפגעלאזט, ביז זיי וואלטן מיר געטראפן מיין שוך! איך וואלט אויפגעהאלטן דעם גאנצן עראפלאן! איך וואלט זיי געמאכט אזא סקאנדאל, אז דער גאנצער גרויסער לופט-פעלד וואלט געגאנגען אויף רעדער... וואס איז דאס מיט דיר? פארוואס האסטו זיי געלאזט אזוי טרעטן אויף דיר??? עס איז דא א גרעניץ וויפיל מען קען צוטרעטן די רייזנדע מיט זייערע אונטערזוכונגען!

אונזער חשוב'ער איד האט אים אנגעקוקט מיט א טיפן בליק, און דערנאך האט ער אים געענטפערט: הער צו, וויסן זאלסטו אז אלס ערליכער איד, בין איך צוגעוואוינט שוין פון ווען איך געדענק זיך, צו אננעמען אלעס באהבה! נישט געפערליך, אויב מִשָּׁמַיִם האט מען געוואלט אז איך זאל פארן מיט איין שוך, וועל איך אזוי פארן! הלוואי וואלטן דאס געווען מיינע פראבלעמען... אז עס פעלט מיר א שוך... נישט דאס זענען די פראבלעמען פונעם לעבן!

דער ריז האט אים געדולדיג אויסגעהערט, ער האט קלאר הנאה געהאט צו הערן א נייע קוק אויפן לעבן, וואס איז אינגאנצן אנדערש ווי דאס וואס ער איז אזוי זיכער געווען. יעצט האט ער געפרעגט, מיט נייגעריגקייט: אויב אזוי, וואס זענען יא די פראבלעמען פונעם לעבן? זעט אויס, אז דער מענטש איז נישט געווען צוגעוואוינט צו האבן פראבלעמען און שוועריגקייטן...

וויבאלד זיי האבן נאך געהאט א לאנגע רייזע פאר זיי, האבן זיי זיך נישט געאיילט אין ערגעץ, און זיי האבן אנגעהויבן שמועסן געשמאק, און דער איד האט אים דערציילט די גאנצע מעשה, אז ער דארף חתונה מאכן זיין זון און ער האט נישט קיין געלט, אויך נאכן זיצן אין ענגלאנד עטליכע וואכן האט ער נאר געשאפט טויזנט פינף הונדערט דאלער, און די גאנצע געלט האט ער שוין אויסגעגעבן צו קויפן די קארטל צו פארן קיין אויסטראליע. יעצט האט ער אויך פארלוירן זיין שוך... און ער איז יעצט אויפן וועג צו זאמלען געלט אין אויסטראליע, און ווער ווייסט וויפיל געלט ער וועט שוין דארט פארדינען...

דער ריז איז זייער באנומען געווארן פון די מעשה, און נאכדעם וואס ער איז שוין פול געווארן מיט רחמנות אויף אים וועגן די גרויסע דערנידערונג וואס ער איז דורכגעגאנגען אינעם לופט-פעלד מיטן שוך, איז ער יעצט זייער ווארעם געווארן צו זיין גאנצן מצב.

ער האט זיך אביסל פארטראכט, און דערנאך האט ער געפרעגט דעם איד: זאג נאר, וויפיל באטרעפט די גאנצע הוצאות החתונה, וואס דו ארבעטסט אזוי שווער דערפאר?

דער איד האט געמאכט א שנעלן רעכענונג און געענטפערט: בערך זעכציג טויזנט דאלער (60,000$)!

האט דער ריז געזאגט: דאס איז די גאנצע? קום, וועל איך דיר ווייזן אז דאס איז בכלל נישט פון די פראבלעמען אין לעבן! - ער האט גלייך געשריבן א טשעק פון זעכציג טויזנט דאלער!!! עס איז אויסגעקומען אז ער איז געווען איינער פון די גרעסטע עשירים אין אויסטראליע, וואס זעכציג אלפים איז נישט קיין סאך געלט ביי אים...




ער האט אים אריינגערוקט דעם טשעק אין האנט, און ער האט געזאגט: יעצט וועט זיך ענדיגן דיין מוטשעניש און ליידן... גענוג איז אריבער אויף דיר! ווען מיר וועלן אנגעקומען קיין אויסטראליע וועסטו זיך נישט דארפן דרייען מיט אן איינציגע שוך און שנאָרן, נאר דו וועסט פשוט גלייך ארויפגיין אויפן פליגער וואס פארט צוריק...

"לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם, כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִי ה' יִחְיֶה הָאָדָם"!

[מתוך שיחה פרטית ה' אדר תשע"ב]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173